# די גאָלדענע קייט

## צײַטשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
## און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

# 140

ויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ-ישראל
-אָבֿיבֿ
1995

ק. צעטניק / תל־אביב

# אָפֿענער בריוו צו זלמן רובאַשאָוו (שזר)

ליבער, טײַערער זלמן,

דו שטייסט פֿאַר מײַנע אויגן אַ לעבעדיקער, אַפֿילו די לופֿט אַרום דיר, לעבט. איך געדענק דיך נישט אין אַ סטאַטישן צושטאַנד, איך זע דײַן כאַפּ־אַראָפּ די ברילן און דײַן קוקן מיר גלײַך אין פּנים. אויך איצט, בשעת דו קוקסט צו מיר מיט נישט־באַברילטע אויגן, הילכן דײַנע ווערטער אין מײַנע אויערן. דו רעדסט צו מיר און דו זאָגסט:

„הער זיך צו, זלמן! איך נעם צעטניקן פֿאַר אַן עדות, ווײַל דו ביסט נתפּעל פֿון זײַנע זאַכן, הער זלמן, אויך די אַרומיקע בײַם טיש זאָלן הערן, איך זאָג אַז די זון אין ישׂראל שײַנט גאָלדיקער, ווײַל בײַ אונדז ציט זיך ווײַטער די גאָלדענע קייט! אָן די גאָלדענע קייט איז אונדזער זון בלאַסער, דו הערסט, זלמן? בלאַסער!...״

טײַערער זלמן, דײַנע אויגן זענען געווענדט צו מיר, אָבער דײַנע ווערטער זענען געווענדט נישט צו מיר, נאָר צו אַ צווייטן זלמן, צו זלמן שניאור, וואָס זיצט אַקעגן איבער דיר בײַם טיש. בעצם איז דײַן איצטיקער וויזיט אין מײַן הויז אויך לגמרי נישט לכּבֿוד מיר, נאָר לכּבֿוד זלמן שניאור, וואָס איז איצט דער בעל־הבית נישט בלויז פֿון מײַן אורחים־סאַלאָן, נאָר פֿון גאַנצן די־נור־הויז אויף מגידו 8, אין תּל־אָביב. איך און נינאַ האָבן דאָ בלויז אונדזער שלאָפֿצימער.

ליבער זלמן, לאָמיך דיר דערציילן די פֿאַרגעשיכטע פֿון דײַן איצטיקן וויזיט אין די־נור־הויז און די זכיה צו הערן דײַן אומפֿאַרגעסלעכן זאָג, וואָס האָט זיך אַרײַנגעקריצט אין מײַן געדעכעניש צוריק מיט קרובֿ אַ יובֿל יאָרן, אפֿשר ווײַל דאָס מאָל האָסטו דעם פּסוק געזאָגט נישט נאָר ווי דײַן שטייגער, פֿײַערדיק, נאָר פֿלאַם־פֿײַערדיק!

די געשיכטע הייבט זיך אָן מיט אַ הקדמה: מײַן שײַכות צו י.ד. בערקאָוויטש איז דיר גוט באַקאַנט; דו ביסט דאָך געווען איינער פֿון דעם מנין, וואָס בערקאָוויטש האָט צוזאַמענגעקלאַפּט, בשעת ער האָט מיך געפֿירט צו דער חופּה מיט נינאַ, ערגעץ אויף אַ באַלקאָן פֿון אַ פּריוואַטן הויז, און דו ביסט דאָך אויך געווען בײַ דער קבֿורה פֿון בערקאָוויטשן, לעבן קבֿר־ביאַליק, בשעת איך האָב געזאָגט קדיש־יתום, ווײַל אַזוי האָט בערקאָוויטש פֿאַרשריבן אין זײַן צוואה. איצט קומט דער עצם סיפּור־ההמשך:

אין אַ געוויינטלעכן אָוונט, כאַפּן איך און נינאַ זיך אַרײַן צו בערקאָוויטשן, סתּם אויף אַ וויזיט, און געפֿינען אים אַ שווײַגנדיקן, אַ פֿאַרזאָרגטן. אָבער דו האָסט דאָך געקענט אונדזער נינאַ - אין איר געזעלשאַפֿט האָט אַפֿילו אַ שטיין געמוזט לעבן און לאַכן.

"בערעלע, וואָס האָט פּאַסירט? - פֿרעגט נינאַ בערקאָוויטשן דווקא אין ייִדיש (מיר האָבן גערופֿן י.ד. בערקאָוויטשן בײַם נאָמען, ווי אַלע אין דער שלום-עליכם-משפּחה האָבן אים גערופֿן: בערעלע) - אַ שיף מיט זויערמילך איז דיר אונטערגעגאַנגען?"

נינאַ, אַ באַקאַנטע תּל-אביבער שיינהייט, אַ סאַברע פֿון דורות, האָט געקענט פּערפֿעקט זיבן וועלטשפּראַכן. אין טאָג פֿון אונדזער ערשטן צוזאַמענטרעף, איז זי אַרײַן אין ייִדיש לשון. אַפֿילו בערקאָוויטש האָט געזאָגט: "נינאַ איז אַ גילגול פֿון די וואַרשעווער נאַלעווקעס..."

"שניאור קומט" - האָט בערקאָוויטש געענטפֿערט פֿאַרדאגהט.

ליבער זלמן, דו געדענקסט אַוודאי וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דעם קליינעם ישׂראל-לענדל, בשעת מ'האָט זיך דערוווּסט אַז זלמן שניאור קומט. די בשׂורה אַז דער פּויפּס פֿון רוים קומט, וואָלט נישט געווען בכּוח אַזוי אויפֿצורודערן דאָס לאַנד. דר' קלויזנער איז אַרויס אין צײַטונג מיט קידוש-לבֿנה-אותיות: "אַרי עולה מבבל!" און, זלמן, ח ווייסט דאָך, אַז בערקאָוויטש איז געווען און געבליבן דער איינציקער ידיד און יוגנט-חבֿר פֿון זלמן שניאור.

"טאָ וואָס זשע איז עס פּלוצלינג דײַן באָבעס דאגה?" - פֿרעגט נינאַ.

"בײַ מיר איז נישטאָ קיין פּלאַץ - זאָגט בערקאָוויטש - און ס'איז בשום-אופֿן נישט מעגלעך, און נישט בכּבֿוד, אַז שניאור זאָל גלײַך פֿון לופֿטפּאָרט פֿאַרפֿאָרן אין אַ פֿרעמד-קאַלטן האָטעל!".

אַ מינוט פֿון שטילשווײַגן. נינאַ האָט געקוקט אַ מינוטקעלע צו איר מאַן, ס'הייסט צו מיר, געקוקט אַ מינוטקעלע צו אירע מאַניקורטע פֿינגער-נעגל, און אַרויס גלײַך צו בערקאָוויטשן:

"איך ווייס נישט פֿאַר וואָס שניאור קאָן נישט פֿאַרפֿאָרן גלײַך פֿון לופֿטפּאָרט צו אונדז? מיר זענען צוויי מענטשן, מיר האָבן אַ ריזן-ווױנונג. און פֿון זינט איך געדענק, זינגט מײַן מאַמע שניאורס 'יד ענוגה היתה לה', וואָס צעגייט זיך אין די ביינער".

"נינאַ - כאַפּט זיך אויף בערקאָוויטש פֿון זײַן שווײַגנדיקער פֿאַרדאגהטקייט - דו ווייסט וואָס דו נעמסט איצט אויף זיך? דו קענסט שניאורן? דו ווייסט ווער און וואָס ס'איז שניאור? צו ערשט וועט ער דיך לאָזן זײַן לעבן אים אין דײַן קיך, שפּעטער וועט ער דיך אַרויסוואַרפֿן פֿון דײַן קיך! און - ווענדט בערקאָוויטש זײַן בליק אין מײַן זײַט - דו האָסט געפֿרעגט די דעה פֿון דעם..."

"פֿון דעם בעל-הבית? - פֿאַרכאַפּט אים נינאַ דאָס וואָרט - בערעלע, טויזנט פּראָצענט גערעכט! כ'האָב נישט געפֿרעגט פֿריִער די דעה פֿון בעל-הבית. איז וואָס זאָגסטו, בעל-הבית, צו מײַן פֿאָרשלאָג?" - פֿרעגט מיך נינאַ.

איך האָב שוין גוט געקענט מײַן נינאַ, כּדי צו וויסן, אַז לסוף ווײַזט זיך תּמיד אַרויס, אַז זי איז גערעכט. כאָטש איך געדאַנק איז דעמאָלט געווען ווײַט פֿון מיר, ווי ווײַט ס'איז טאָג פֿון נאַכט, פֿון דעסטוועגן האָב איך באַלד געענטפֿערט:

"אויב דו נעמסט אויף זיך דעם עול, איז מײַן ענטפֿער ווי גאָט האָט געזאָגט צו אַבֿרהמען: כּל אשר תאמר לך נינאַ, תעשׂה! נאָר מיט איין באַדינג: אין דער צײַטונג־ידיעה וועגן שניאורס קומען זאָל נישט זײַן דערמאָנט מײַן נאָמען און אַדרעס, נאָר דער אַדרעס פֿון בערקאָוויטשן".

די גאַסן אַרום עין־ורד־גאַס אין תּל־אָבֿיבֿ, ווו עס וווינט י.ד. בערקאָוויטש, זענען געווען פֿול מיט אָפּוואַרטנדיקע המונים אויף שניאורס אָנקום פֿון לופֿטפּאָרט צו דער וווינונג פֿון זײַן חבֿר בערקאָוויטש, בשעת זלמן שניאור, מיט זײַנע נאָענטסטע באַגלייטערס, זענען גלײַך פֿון עראָפּלאַן שטילערהייט אַוועק צו מגידו־גאַס 8, אין תּל־אָבֿיבֿ.

ליבער זלמן, אמת, דער שמועס אַרום טיש האָט זיך אָנגעהויבן וועגן ייִדיש־לשון, אָבער אויך דו ווייסט, אַז די פֿײַערפֿונקען האָבן געשפּריצט בעיקר צוליב די רײַבונגען פֿון די קיזלשטיינער אַרום טיש.

גרשון שאָפּמאַן, דער פֿאַרערער פֿון נינאַ, איז בעצם געווען אַן אָפֿטער גאַסט אין די־נור־הויז, אָבער דאָס מאָל איז שאָפּמאַן געקומען לכּבֿוד זלמן שניאורן. שאָפּמאַן איז געוואַקסן אין אַן אָרעמער שטוב פֿון אַ מלמד, אין אַ רוסישן ייִדן־קוואַרטאַל. נינאַ האָט אים גערופֿן "דענדי", תּמיד עלעגאַנטיש, זײַן קאַפּעליוש אויף אַ זײַט פֿון קאָפּ. אָט דער שאָפּמאַן, וואָס אין דער מאָדערנער וועלט־ליטעראַטור געפֿין איך נישט אַזאַ בריליאַנטן־שלײַפֿער פֿון דער קורצער נאָוועלע ווי ער. נינאַ פֿלעגט זאָגן: פּעטער אַלטענבערג, וועלט־מײַסטער פֿון נאָוועלע־קונסט, מעג קומען לערנען בײַם "דענדי", אָט דער קלוגער שאָפּמאַן האָט קיין מאָל נישט געבראַכט אויף די ליפּן אַ ייִדיש וואָרט פֿון זײַן אַלטער היים, שטענדיק גערעדט זײַן דײַטש, געבראַכט פֿון עסטרײַך, שטײַערמאַרק, ווו דער ישיבֿה־בחור איז פֿאַרוואַלגערט געוואָרן און דאָרטן געפֿונען די שיינע טאָכטער פֿון אַ קריסטלעכן שמיד מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט. אין ישׂראל האָבן אונדזערע קינדער גערופֿן די פֿרוי שאָפּמאַן "דודה אַנאַ". אָט דער שאָפּמאַן, דער וווּנדער־מײַסטער פֿון העברעיִשן מקורותדיקן אויסדרוק, האָט זיך מיט מאַמע־לשון קיין עצה נישט געגעבן.

איצט, בײַם טיש, האָט נינאַס "דענדי" דערלאַנגט זײַן חלק אין דעם וויכּוח, לגמרי נישט־עלעגאַנטיש.

דאָס זעלבע אורי־צבֿי גרינבערג, אויך אַ שטענדיקער אורח אין די־נור־הויז, אָבער אויך דו, ליבער זלמן, ווועסט זיך מודה זײַן, אַז וואָלט דער "דזשינדזשי", געוווּסט, אַז ער וועט דיך דאָ געפֿינען, וואָלט ער געקומען אַן אַנדער מאָל זען שניאורן, בעיקר כּדי אויסצומײַדן אַ צוזאַמענטרעף מיט דיר.

ליבער זלמן, געדענקסט אונדזער בײַנאַכטיקן שפּאַציר אויף וויטקין־גאַס? דו האָסט דעמאָלט באַרעכטיקט שניאורן און זײַן טענה: "פֿאַר וואָס זאָל אַ קצבֿ אין ניו־יאָרק פֿינאַנסירן מײַנע ייִדישע ביכער, כּדי זײַן נאָמען מיט דעם מחברס דאַנקעניש זאָל זײַן געדרוקט אויף די ערשטע זײַטן פֿון בוך? פֿאַר וואָס זאָל "עם עובֿר" נישט אַרויסגעבן מײַנע ייִדישע ביכער?"

דו האָסט אַפֿילו באַרעכטיקט דעם מחבר פֿון ייִדישן "מעפּיסטאָ", אורי־צבֿי, וואָס האָט געשפּריצט מיט פֿײַערדיקע קולי־קולות, וואָס האָבן לגמרי נישט געהאַט קיין שײַכות

צום עצם ענין פֿון ייִדיש לשון. דו האָסט געזאָגט: "אורי־צבֿי איז דער שׂרף פֿון סטרעליסק". בלויז איינעם פֿון אַלע בײַם טיש האָסטו נישט געקענט און נישט געוואָלט מוחל זײַן - ברוידעסן, דעם סעקרעטאַר פֿון אגודת הסופֿרים. דו האָסט געטענהט:

"פֿאַר וואָס, צו אַלע רוחות, האָט דער מענטש געשוויגן?! ער הערט אַז איך רעד וועגן פֿאַקטן, וואָס אָט דער ברוידעס איז געווען אַן עדות דערבײַ, און דער מענטש עפֿנט נישט ס'מויל?!"

ליבער זלמן, אויף וויטקין־גאַס, בשעת דו האָסט, ווי דײַן שטייגער גערעדט מיט אַלע רמ"ח־אבֿרים, דעמאָלט האָב איך נישט געקאָנט דיר וועגן דעם דערציילן. שוין דעמאָלט האָב איך געוווּסט, אַז אַפֿילו די מענטשן אין שפּיץ פֿון דער רעגירונג ציטערן פֿאַר זלמן שניאורן. בערקאָוויטש פֿלעגט זאָגן:

"די מיניסטאָרן ציטערן פֿאַר שניאורן - שפּרינצאַק, רמז, כּולל רובאַשאָוו. וואָס זענען זיי געווען אַנטקעגן אָט דעם צאָרנדיקן זלמן שניאור, איידער זיי זענען געוואָרן מיניסטאָרן?"

איך האָב דעריבער דעמאָלט געשוויגן, בשעת דו האָסט גערעדט מיט ביטערניש וועגן ברוידעסן. נישט געקאָנט דיר דערציילן, אַז פֿאַר מײַנע אויגן האָט שניאור אַרויסגעוואָרפֿן פֿון מײַן הויז דעם סעקרעטאַר פֿון אגודת הסופֿרים. נאָך אַלעמען איז עס פֿאָרט מײַן הויז! איך ווייס נישט וואָס ברוידעס האָט געזאָגט, איך האָב געהערט שניאורס געשרייען, בין איך אַרויס פֿון מײַן צימער זען צו וועמען ער שרײַט. דאָס בילד שטייט ביז הײַנט פֿאַר מײַנע אויגן. די געשרייען קלינגען ביז הײַנט אין מײַנע אויערן: "דו קליינער וואָרעם! אין אײַער געמויזעכץ ווילסטו מיך אַרײַנשלעפּן?! צו אײַערע גראָשיקע קינאה־שׂינאה־קריגערײַען ווילסטו מיך האָבן פֿאַר אַ שותּף?!"

זלמן שניאור, משכמו־ולמעלה, איז געשטאַנען ווי אַ ריז איבער דעם נידעריק־וווּקסיקן סעקרעטאַר פֿון אגודת הסופֿרים און געהאַקט אין אים אָן רחמנות די ווערטער: "מיך! מיך ווילסטו אַרײַנשלעפּן אין אײַער בלאָטיקן זומפּ?"

און ברוידעס, אַ ציטערנדיקער, ווי אַ געשלאָגענער הונט, וויינט מיט טרערן, בשעת דער גרויסער שניאור שרײַט: "אַרויס! אַרויס פֿון מײַן שטוב! פּאַשאָל וואָן!". און בעתן אַרויסוואַרפֿן ברוידעסן, האָט ער מיט כּעס אַ זעץ געטאָן די טיר, אַזוי אַז ניִנאַס שענסטע וואַזע, אַ יקר־המציאות, אין וועלכער עס זענען געווען די בלומען וואָס סוצקעווער און זײַן פֿרוי האָבן מיט אַ טאָג פֿריִער געבראַכט שניאורן, די וואַזע וואָס איז געשטאַנען אויף אַ פּאָליצע לעבן אַרײַנגאַנג, איז אַ צעבראַזגעטע אַראָפּ אויף דער ערד.

איצט פֿאַרשטייסטו, ליבער זלמן, פֿאַר וואָס ברוידעס האָט געשוויגן? ווײַל ער, דער סעקרעטאַר פֿון אגודת הסופֿרים האָט בעצם געדאַרפֿט זײַן דער רעפֿערענט צווישן דער אגודה און שניאורן. דאָס איז אויך געווען זײַן פּרנסה און ער האָט זיך נישט געקאָנט דערלויבן נישט קומען בעטן מחילה וסליחה.

ליבער זלמן, די סיבה פֿון מײַן איצטיקן בריוו צו דיר איז, וואָס פֿון יענעם טיש־צוזאַמענטרעף זענען אין מיר אײַנגעקריצט צוויי אַרויסגעזאָגטע פֿאָרויסזעונגען: איינע פֿון זלמן שניאור, די צווייטע פֿון זלמן רובאַשאָוו.

זלמן שניאור, דער אָנזאָגער פֿון ימי הבינַיים מתקרבים: "מיר שטייען אויף דער שוועל פֿון אַ צײַט - האָט ער געזאָגט - ווען עס וועלן מער נישט זײַן קיין ביכער. ס'וועלן זײַן קאָמפּיוטערס; דער מענטשלעכער מוח, הינטערן קאָפּשיידל, ווי אַ וועלשענע נוס אונטער דער שאָל, וועט אויפֿנעמען דעם סייסמאָגראַף פֿון דער פֿולער ענגלישער ענציקלאָפּעדיע..."

די דאָזיקע ווערטער האָט זלמן שניאור געזאָגט אין יאָר 1948, אין די־נור־הויז. קיינער אַרום טיש האָט נישט גענומען ערנסט די ווערטער. אויך דו נישט, זלמן רובאַשאָוו, דעמאָלט רעדאַקטאָר פֿון פֿאַרשפּרייטסטן ביכער־פֿאַרלאַג. בלויז אין מיר האָבן זיך אײַנגעקריצט שניאורס ווערטער, ווײַל אין מיר איז אײַנגעקריצט שניאורס "ימי הבינַיים", נוסח אוישוויץ.

און זלמן רובאַשאָוו האָט געזאָגט: "הער זיך גוט צו, זלמן! אויך אַלע וואָס זיצן אַרום טיש זאָלן הערן. איך זאָג, אַז די זון אין ישׂראל שײַנט גאָלדיקער, ווײַל בײַ אונדז אין ישׂראל ציט זיך ווײַטער די גאָלדענע קייט. אָן די גאָלדענע קייט איז אונדזער זון בלאַסער, דו הערסט זלמן, בלאַסער..."

די ווערטער האָט זלמן רובאַשאָוו - שזר געזאָגט אין 1948, אין די־נור־הויז.

די זון שײַנט בלאַסער!